# סעודה שלישית פרשת עקב ה'תשס"ו

**און שלש'סעודות, ווען ס'איז רעוא דרעוין, האט מוהרא"ש נ"י געשמועסט גיוואלדיגע נורא'דיגע רייד מאד אויפן רבינ'ס ווערטער אין ספה"ק ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סי' מ', וואס רעדט וועגן ארץ ישראל און ראש השנה, עיין שם.**

**און האט מוהרא"ש נ"י אנגעהויבן – זאגט דער הייליגער רבי ז"ל (מוהרא"ש נ"י האט איבער געחזר'ט אויף איין נקודה וואס ווערט דערמאנט אין די תורה פונעם רבי'ן).**

ווער ס'ווייסט פון ארץ ישראל, אז ער האט טאקע טועם געווען די טעם פון ארץ ישראל, ער קען דערקענען אויף אנאנדערער אויב ער איז געווען ביי א צדיק אויף ראש השנה, צו נישט. און אויב דער צדיק איז א גרויסער צדיק צו א קליינער. און טאמער ער איז א אמת'ר צדיק צו נישט. און צו ער איז אליין א צדיק. ווייל די טעם פון ארץ ישראל, קעמען אויסמאלן פאר דעם וואס ווייסט א טעם פון שכל, ווייל נאר דער וואס

איז א ליידיגער מענטש, קען דאס נישט וויסן, אבער דער וואס ווייסט פון שכל צו זאגן, אזוי ווי די לומדים וואס שפירן אביסל א טעם אין א שכל, מיט א פשט אדער א קשיא, אזוי ווי די שטייגער פון די לומדים, אדער די וואס זענען קלוג אין אנדערע חכמות, וואס שפירן טעם איז שכל, קענען פארשטיין טעם ארץ ישראל, ווייל 'אוירא דארץ ישראל מחכים' (די לופט פון ארץ ישראל מאכט קלוג – בבא בתרא קנח.). און אודאי אז ס'זייער טייער צו דערגרייכן א טעם אין שכל וחכמה.

אבער די עיקר מעלה פון קדושת ארץ ישראל, איז נאר דורך די השגחה פון דער אייבישטער, און ווייל דער אייבישטער קוקט שטענדיג אין ארץ ישראל, אזוי ווי עס שטייט (דברים יא): "תמיד עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה", דורך דעם איז ארץ ישראל הייליג און אירע לופט מאכט קלוגער.

אין די בחינה פון עיני ההשגחה ווערט געמאכט דורך נשמות ישראל, וואס דער אייבישטער בארומט זיך מיט זיי, בבחינת (ישעיה מ"ט): "ישראל אשר בך אתפאר", און דורך די ההתפארות, ווערט געמאכט די בחינה פון תפילין, וואס ווערן אנגערופן 'אר' (סוכה כה), און די

תפילין זענען די בחינה פון מוחין, און די מוחין קומען אריין אין זיי שפראצען ארויס אין די אויגן. און פון דעם ווערט געמאכט השגחת השם יתברך, כביכול, וואס דורך דעם ווערט אויפגעטאן קדושת ארץ ישראל, בחינת אוירא דארץ ישראל מחכים. און דערפאר הייסט די לאנד 'ארץ ישראל', ווייל זי באקומט אירע קדושה דורך די בחינה פון: "ישראל אשר בך אתפאר", כנ"ל.

און דער וואס קען זעהן די התפארות, וואס דער אייבישטער בארומט זיך מיט יודישע קינדער. דער קריגט די בחינה פון אר (שיינקייט) מיט מוחין פון די התפארות וואס ער זעהט, און ביי איהם ווערט אויך געמאכט א בחינה פון תפילין, און די מוחין גייען אריין, און זענען וקע זיינע אויגן וואס ווערן אויכעט געמאכט בבחינת עיני ה', און דעמאלט – ווי ער קוקט ארום, ווערט אויך א בחינה פון 'אוירא דארץ ישראל מחכים' (די לופט פון א"י מאכט קלוג).

און ווער איז דער וואס קען זעהן די התפארות פונעם אייבישטער? דער וואס זעהט דער צדיק האמת וואס איז מקרב מענטשן דער אייבישטער צו

דינען, און דאס איז דער עיקר התקרבות פון יודן צו זייערע טאטע פון הימל.

קומט אויס, אז דער צדיק אליין ער איז די התפארות וואס כביכול דער אייבישטער איז מתפאר מיט זיין פאלק, ווייל דורך דער צדיק איז דער עיקר התקרבות מיט התפארות. איז דער וואס קוקט איהם אן, און בפרט בשעת די קיבוץ, ווען ס'קומען זיך צונויף ארום איהם מענטש'ן אויף די וועלט, און נאך מער אין ראש השנה, וואס דעמאלט איז דער גרויסער קיבוץ. איז ווערט ס'קוקט טאקע מיט איין אמת אויף דער ריכטיגער צדיק, באקומט אויך פון די התפארות, און ביי איהם ווערט אויך געמאכט די בחינה פון תפילין ומוחין, א בחינה פון עיני ה', איז ביי איהם איז אויך ווי ער קוקט ארום ווערט געמאכט א בחינה פון ארץ ישראל וכו'. עיין שם, דאס אלעס אין די רבי'נס ווערטער.

**און מוהרא"ש נ"י האט מסביר געווען, אז דער הייליגער רבי זי"ע אנטפלעקט אונז אין די תורה, אפאר וונדערליכע נקודות אין די ענין פון קדושת ארץ ישראל, און אין די ענין פון דער אייבישטער'ס בארומטקייט מיט**

breslevcity.co.il

נשמות ישראל, ווייל קדושת ארץ ישראל איז נמשך פון די התפארות, אז זיי זענען די קינדער פון אברהם יצחק ויעקב, זיינע ידידים כביכול, און זיי ווילן זיינע נאנטקייט אין יעדע צייט, און דאס איז גורם, אז דער אייבישטער איז זיך מתפאר מיט יודישע קינדער, און ער קוקט זיי אָן מיט א אפענע אויג, און מיט א מורא'דיגע השגחה פרטית, און ער איז אויף זיי משפיע כל מיני גוטע השפעות. און דערפאר האט ער זיי געגעבן ארץ ישראל, וואס זי איז די לאנד וואס דער אייבישטער האט אויסגעוועלט פון אלע לענדער, און ער האט זי איבער געגעבן צו די פאלק וואס איז אויסגעוועלט געווארן פון אלע פעלקער.

און דערפאר שטייט אין פסוק וועגן ארץ ישראל (דברים יא) תמיד עיני ה' אלקיך בה מר ית השנה ועד אחרית שנה. ווייל אין

ארץ ישראל ווערט אנטפלעקט דאס מערסט'ע די דערהויבענע השגחה, און דער וואס קומט קיין ארץ ישראל, און ער שפירט באמת די טעם פון ארץ ישראל, דער קען שאצן די התפארות וואס דער אייבישטער בארומט זיך מיט נשמות ישראל, ווייל ער זעהט די נפלא'דיגע מתנה וואס ער האט זיי געשענקט, און ער האט זיי אויף געהויבן העכער פון אלע משפחות העמים, און ער איז אויף זיי משגיח מיט א השגחה פרטית, זיי אנצופילן זייער באדארפעניש ברוחניות ובגשמיות.

און דאס זעלבע ווערט געטאן דורך די גרויסע צדיקים, ווייל די צדיקי אמת פון יעדע דור זוכען אייביג זכותים וועגן נשמות ישראל, און זיי בארומען זיך פאר השם יתברך מיט די גרויסע קדושה פון נשמות ישראל, און ווי זיי זענען העכער פון אלע אומות העולם, און מ'דארף

breslevcity.co.il

רחמנות האבן אויף זיי און זיי דערנענטערן מיט אלע מיני נאנקייטן, און דער וואס איז זוכה ווערן גערעכנט, אזוי ווי איינער פונעם צדיק'ס לייט, ער קריגט א וונדערליכע ליכטיגקייט פון די התפארות. ווייל דער צדיק קוקט אויף איהם מיט זיינע הייליגע אויגן, און טרעפט אין איהם גוטע נקודות, און ער בארומט זיך מיט איהם פאר כסא הכבוד, און די מערסטע אין ראש השנה בשעת די גרויסע קיבוץ וואס דעמאלט דער צדיק איז דן יעדער צו כף זכות, און ער איז מליץ טוב אויף איהם פאר כסא הכבוד, און ער פועל'ט פאר איהם א גוטע און זיסע יאר.

ווייל ראש השנה איז 'יומא דדינא רבה' (די טאג פון דער גרויסע דין), און אין דעם טאג איז מען דן יעדעם וואס וועט פאסירן מיט איהם א גאנצע יאר. און מ'דארף

breslevcity.co.il

אנגרייטן א גוטער לויער וואס איז גוט באקאנט, זאל אויף איהם מליץ טוב זיין, און דורך איהם זאל ער ארויסקומען אינעם משפט ריין און גערעכט. דערפאר פארט מען צו צדיקים אויף ראש השנה, און מ'איז נכלל און זייערע הייליגע קיבוץ, וואס דעמאלט איז מען נכלל אין די התפארות פון השם יתברך אין יודישע קינדער.

קומט אויס, דער וואס קומט צו אַ צדיק אמת אויף ראש השנה, מוז ער ממש שפירן די קדושה פון ארץ ישראל, ווייל דער צדיק שלעפט אראפ ארום איהם אן הייליג לופט פון ארץ ישראל, און ער איז ממשיך אהין די אייבישטער'ס השגחה, און די הייליגע התפארות וואס איז מתפאר מיט נשמות ישראל, וואס דאס איז דער עיקר קדושת ארץ ישראל.

און דער פאר, אין דעם פסוק וואס דערמאנט קדושת ארץ ישראל, ווערט אויך דערמאנט קדושת ראש השנה, אזוי ווי עס שטייט (דברים יא) תמיד עיני ה' אלקיך בה "מראשית השנה" ועד אחרית שנה. ווייל קדושת ארץ ישראל מיט קדושת ראש השנה זענען איין זאך, און וואויל איז דער וואס וועט ווערן גערעכנט אין ראש השנה צווישן די צדיק'ס לייט, וועט נשפע זיין אויף איהם אַ ס'פעציעלע לעכטיגקייט פון קדושת ארץ ישראל.

און וואס איז דעם לימוד זכות פון די צדיקים אויף יעדער, אפילו אויפ'ן נידעריגער און דער ערגסטער יוד? – אז דער ערגסטער יוד איז בעסער פון דער בעסטער גוי, וואס דערפאר בענטשען מיר די ברכה "שלא עשני גוי", ווייל אפילו אז איך קען נישט טרעפן אין מיר קיין שום גוטע נקודה, אבער געלויבט השם יתברך "איך בין

נישט קיין גוי". און אזוי האט אונזער הייליגער רבי זי"ע אנגעווארנט (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' רפ"ב וחלק ב' סי' י') אז מ'דארף אלע מאל פריילין זיין און דערוואטערן די עצבות מיט מרה שחורה, און די עיקר שמחה איז מיט דעם וואס ער האט זוכה געווען געבוירן ווערן פון זרע ישראל - "שלא עשני גוי" וכו', עיין שם.

און אזוי איז געווען די צדיקים'ס וועג, מלמד זכות זיין אויף נשמות ישראל פאר כסא הכבוד, און זאגן פאר השם יתברך, אז אזוי ווי א יוד קוקט אויס, איז ער פארט בעסער פונעם בעסט'ן גוי, ווייל 'כי מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ', און דער הייליגער ר' נתן זי"ע, האט מסביר געווען, אז דאס איז געווען די סוד פון עמוס הנביא, וואס האט אנגעהויבן זיינע נבואה מיט'ן פסוק (עמוס ט') הלא כבני כושיים אתם לי בני ישראל נאם ה' (אז דער

breslevcity.co.il

באשפער האט געזאגט אז די יודישע קינדער קוקן אויס ביים באשפער אזוי ווי בני כוש – טונקעלע), און דאס איז אַ גרויסע וונדער אז דער נביא וועט צו גלייכן נשמות ישראל צו די בני כושיים, וואס זיי זענען די נידעריגסטע און ערגסטע פון אלע פעלקער, אבער עמוס הנביא האט דערזעהן, אז ס'גווען א גרויסע קיטרוג אין הימל אויף נשמות ישראל, און וואס פאר אַ לימוד זכות וואס ער האט געוואלט זאגן האבן די מקטרגים איהם סותר געווען, דערפאר האט ער איבערגעדרייט זיינע ווערטער, און האט געזאגט אויב אזוי אז נשמות ישראל זענען אזוי אראפ אנידער געפאלן זענען זייד אך אזוי ווי בני כושיים, און אזוי ווי די ערגסטע אומות העולם, נאר תיכף ווען דער נביא האט זיי צוגעגליכן צו בני כושיים, האבן אלע קלאר געזהן, אז ס'איז נאך דא אַ

breslevcity.co.il

אינטערשיד, אפילו פון די ערגסטע יודן צווישן דיבני כושיים, ווייל נשמות ישראל וואס ווערן גערופן 'העמוסים מני בטן', זענען אסאך מער חשוב פון די בעסטע פון אומות העולם, און מ'קען אויף זיי גארנישט מקטרג זיין.

און דערפאר וואויל איז דער וואס איז זוכה צו זוכן גוטע נקודות ביי איהם און ביי בנשמות ישראל, ווייל דורך דעם וועט ער מכריע זיין די גאנצע וועלט צו כף זכות, און ס'וועט הענגען אין איהם זכות הרבים, וואויל איז פאר איהם, און וואויל איז זיין חלק.

און מוהרא"ש נ"י האט מקשר געווען די דאזיגע ענין צו די וואכעדיגע סדרא מיט אַ וונדערליכע יערליכער קשר, ס'שטייט (דברים ט') אל תאמר בלבבך בהדוף ה' אלקיך אותם מלפניך לאמר, בצדקתי הביאני ה' לרשת את הארץ הזאת וברשעת הגוים האלה ה' מורישם מפניך,

breslevcity.co.il

**לא בצדקתך ובושר לבבך אתה בא לרשת את ארצם, כי ברשעת הגוים האלה ה' אלקך מורישם מפניך וגו'.**

**דארף מען דאך פארשטיין, וואס לערנט אונז אויס די הייליגע תורה מיט דעם, אז מיר זאלן נישט קלערן אז די ירושה פון ארץ ישראל, איז אונז אנגעקומען וועגן אונזער זכותים מיט צידקות, נאר וועגן די רשעות פונעם גוים, יעדער דארף דאך טרעפן אין זיך זכותים מיט גוטע נקודות, און זיך מחיה זיין דערמיט, איז פארוואס דא אין די ירושה פון ארץ ישראל, ווארענט אונז די תורה, אז מ'זאל וויסן אז אלעס איז נאר וועגן די רשעות פון די גוים?**

**אבער לויט די אויבנדערמאנטע הייליגע ווערטער פונעם הייליג'ן רבי'ן איז זייער גוט פארשטענדליך, אז דווקא אין די ירושה פון ארץ ישראל, וואס דארט וועט**

breslevcity.co.il

אנטפלעקט דעם אייבישטער'ס התפארות אין נשמות ישראל, האט די תורה הקדושה געוואלט, אז קיין שום מקטרג זאל נישט קענען מקטרג זיין אויף נשמות ישראל. איז אויב מ'וואלט געזאגט אז דאס איז אלעס וועגן זייערע זכותים מיט צידקות, וואלט מען געקענט טרעפן און זיי פארשידענע פעילער מיט חסרונות און צו פארמאדען זייער גוט'ס, אבער יעצט אז מ'ווייסט אז אלעס איז וועגן די רשעות פון די גוים, אז דער אייבישטער טרייבט זיי פאר דיר, אויף דעם איז גאר נישט שייך קיין שום קיטרוג, ווייל אפילו דער ערגסטער יוד, ווען מ'שטעלט איהם קעגן דער בעסטער גוי, תיכף זעהט מען זיין גרעסערע חשיבות, און אז מ'קען אויף איהם גארנישט מקטרג זיין. איז דערפאר דווקא ביי די ירושה פון ארץ ישראל, אז די גאנצע קדושה אירע איז

**געבויעט אויף די בחינה פון "ישראל אשר בך אתפאר", דארט'ן האט די הייליגע תורה אנגעזאגט: קוקט'ס אויף די רשעות פון די גוים, דעמאלט וועט איהר וויסן די גרויסקייט פון יודישע קינדער, און די סיבה אז דוקא זיי האט דער באשעפער געשענקט ארץ ישראל.**

**און דער אייבישטער זאל אונז מזכה זיין, ממשיך צו זיין אויף אונז קדושת ארץ ישראל, און אחינו בני ישראל וואס זיצן אין ארץ ישראל זאלן אפגעהיטן ווערן פון אלע רשעות פון די גוים, וואס ווילן זיי אנשלינגען, חס ושלום. און מיר זאלן זוכה זיין זעהן במהרה בגאולתן וישועתן של ישראל, בביאת משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.**